**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קאנסטרוקציע אונטערוועגנס אויף איבער 100 נייע אפאָרדעבעל און שטיצנדע אפארטמענטס אין בינגהעמטאן**

***Court Street Apartments* ***וועט קומען מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס; ברייטע ענערגיע שפארזאמקייט מאסנאמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אין די סיטי אָוו בינגהעמטאן צו פארוואנדלען א ליידיגע ווערהאוז און אפיס געביידע צו ווערן 111 אפאָרדעבעל אפארטמענטס פון א הויכע קוואליטעט, מער פון האלב פון וועלכע וועלן אוועקגעלייגט ווערן פאר וועטעראנען וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט און פאר אנדערע עמפינדליכע באפעלקערונגען וואס נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"Court Street Apartments וועט זיכער מאכן אז מער פון 100 פאמיליעס און וועטעראנען קענען זיך ערלויבן צו פארבלייבן אין בינגהעמטאן בשעת'ן אויך גיבן א נייע צוועק פאר ליידיגע פלעצער, שטיצנדיג די שטאט'ס אנגייענדע אויפלעבונג באמיאונגען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט ווייזט ארויס וויאזוי בינגהעמטאן, איינס פון די ערשטע האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס אין ניו יארק, זעצט פאר צו שטיצן אפאָרדעבעל האוזינג. צוזאמען קענען מיר אויפבויען נייע סארטן דעוועלאפמענטס וואס פארשטערקערן די סופליי פון נייע היימער, שטיצן עמפינדליכע באפעלקערונגען און ברענגען שטאנדהאפטיגע, ענערגיע-שפארזאמע געביידעס צו אונזערע שטאטישע צענטערן."

Court Street Apartments וועט אריינרעכענען 80 איבערגעמאכטע אפארטמענטס אלס טייל פון דאס גיבן א נייע באנוץ פאר די היסטארישע Sheltered Workshop for the Disabled געביידע — וואס האט צוגעשטעלט דזשאב טרענירונג און מעדיצינישע קעיר פאר לאקאלע איינוואוינער מיט פיזישע און גייסטישע דיסאביליטיס פון 1947 ביז 2011. איין און דרייסיג אפארטמענטס וועלן אויפגעבויט ווערן גענצליך ניי אלס א צוגאב צו די געביידע. אלע יוניטס וועלן געהאלטן ווערן פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט.

אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינועל (Homes and Community Renewal, HCR) געבויט אדער פרעזערווירט 3,400 אפאָרדעבעל היימער אין די סאוטערן טיער. Court Street Apartments זעצט פאר די אונטערנעמונג און איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די פולשטענדיג-עלעקטרישע פראיעקט וועט נאכקומען די HCR'ס [שטאנדהאפטיגקייט פארשריפטן](#) פאר נייע קאנסטרוקציע פראיעקטן. ענערגיע שפארזאמקייט מאסנאמען וועלן אריינרעכענען א צענטראלע ווענטילאציע סיסטעם וואס כאפט אפ ענערגיע (energy recovery ventilation, ERV) פאר הייצונג און

קילונג, עלעקטרישע היט פּאמפּס און צוגעלייגטע אינסולעישען צו פארבעסערן די לופט קוואליטעט און פארמינערן אויסשטעלונג צו פארפעסטיגנדע מאטעריאלן.

עס וועלן זיין 60 אפארטמענטס אוועקגעלייגט פאר היימלאזע וועטעראנען און פאר די וואס ליידן פון דראג באנוץ קראנקהייטן אדער פון גייסטישע קראנקהייטן, אלס טייל פון די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI). די דעוועלאפּמענט וועט צושטעלן אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס ווי קעיס מענעדזשמענט, הילף מיטן סטאביליזירן מעדיצינישע אדער דראג באנוץ קראנקהייט שוועריגקייטן, אנטוויקלען ציהלן פאר באשעפטיגונג אדער עדזשוּקעישען און ווערן מער זעלבסטשטענדיג.

Court Street Apartments ווערט געשטיצט דורך די HCR'ס נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט (Low Income Housing Tax Credit) פראגראם וואס וועט איפטרייבן אומגעפער 14.9 מיליאן דאלאר אין עקוויטי, 14.8 מיליאן דאלאר פון HCR'ס שטיצנדע האוזינג געלעגנהייט פראגראם (Supportive Housing Opportunity Program), 6 מיליאן דאלאר פון די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס (Office of Temporary and Disability Assistance) היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing and Assistance Program, HHAP), 1.2 מיליאן דאלאר פון די ריינע ענערגיע אינציאטיוו (Clean Energy Initiative) און פערמאנענט-שטייער-פטור'ע באנדס אין ווערט פון $700,000. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) האט ערמעגליכט דאס באנוץ מיט פעדעראלע און סטעיט היסטארישע איבערבויאונג טעקס קרעדיטס וועלכע זענען געשאצט צו צושטעלן נאענט צו 6.4 מיליאן דאלאר אין עקוויטי.

די HCR'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס (Pro-Housing Communities) פראגראם אנערקענט לאקאלע רעגירונגען פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו וואוקס פון האוזינג. דאס האבן סערטיפיקאציע אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי איז א תנאי פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת.

**HCR קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א ביישפיל פון אונזער האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם אין די ארבעט. בינגעהעמטאן איז געווען איינס פון די ערשטע צו סערטיפייד ווערן אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי, און מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט Helio Health און מיט די שטאט רעגירונג אזוי ווי זיי לייגן זייער פארפליכטונג צו האוזינג צום ארבעט, פארגרעסערנדיג די צאל הייזער אויפן מארקעט און באררייכערנדיג די קוואליטעט פון לעבן פאר מער פון 100 הויזגעזינדער. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן שטיין אין שפּיץ וועגביים זיך באנעמען מיט דעם האוזינג קריזיס, און פאר אונזערע שותפים פארן אנהויבן די ארבעט אויף דעם שעפערישן פראיעקט."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "Court Street Apartments וועט צושטעלן פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר 60 מענטשן וואס זענען אריבער היימלאזיגקייט, אריינרעכענענדיג וועטעראנען און די מיט גייסטישע קראנקהייטן אדער דראג באנוץ קראנקהייט, פארזיכערנדיג אז זיי האבן א זיכערע פלאץ וואו צו וואוינען און צוטריט צו די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו סטאביליזירן זייערע לעבנס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס טיפע איבערגעגעבנקייט צו פארמערן די אוועילעבילטי פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר עמפינדליכע ניו יארקער אריבער אונזער סטעיט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאנס, האט געזאגט,** "דאס גיבן א באנייטע באנוץ פאר אונזערע היסטארישע געביידעס צו ערפילן די באדערפענישן פון ניו יארקער היינט העלפט אונז עררייכן מערערע ציהלן: ענווייראמענטאלע

שטאנדהאפטיגקייט, קאמיוניטי אינוועסטירונג און זיכערע און אפאָרדעבעל האוזינג. מיר אפלאדירן קאמיוניטיס וועלכע קוקן שפעררישערהייט אויף זייערע היסטארישע פארמעגנס און טרעפן וועגן צוריק צו ברענגען די אוצרות צום לעבן."

**סטעיט סענאטארשע ליע וועב האט געזאגט,** "צוטריט צו אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג פון א הויכע קוואליטעט איז א קריטישע נויט אין אונזער קאמיוניטי. איך בין דאנקבאר פאר אונזערע קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע פארוואנדלען ליידיגע געביידעס אין בינגעהעמטאן צו ווערן האוזינג פאר היימלאזע וועטעראנען, איינצלנע מענטשן און די וועלכע ליידן פון דראג קראנקהייטן. א דאנק פאר גאווערנער האקול, די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און פאר Court St Apartments פאר די אנגייענדע ארבעט וואס זיי טוהען פאר די היימלאזע. מיט אינפלאציע זייענדיג היסטאריש הויעך, זעהען מיר מער מענטשן אין די סאוטערן טיער אן האוזינג צוליב רענט פרייזן און אנדערע סיבות. די אויפגעראכטענע אפארטמענטס וועלן נישט נאר אדרעסירן היימלאזיגקייט אין בינגעהעמטאן נאר זיי וועלן זיך אויך באנוצן מיט ענווייראמענט-פריינטליכע ענערגיע אין דעם פראצעדור."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "די אווײלעבילִיטי פון אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט בלייבט ווייטער א הויפט פריאריטעט אין אונזער קאמיוניטי. Helio Health'ס פלאנירטע טראנספארמאציע פון די היסטארישע Sheltered Workshop קאמפלעקס וועט זיכער העלפן ערפילן די נויט בשעת'ן אויך ארייינברענגען א נייע לעבן אויף Court Street. די יוניטס פון שטיצנדע האוזינג זענען באזונדערס נויטיג, און זיי וועלן אנפילן א ריזיגע לאך אין אונזער סערוויס צושטעלונג סיסטעם. איך לויב אויס Helio פאר זייער אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי, און איך באדאנק די גאווערנער, סטעיט אגענטורן און אנדערע שותפים וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען דאס צו מאכן געשעהן."

**ברוּם קאונטי עקזעקיוטיוו דזשעיסאן גארנאר האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א ריזיגע טריט פאראויס פאר אונזער קאמיוניטי. דאס פארוואנדלען די געביידע צו ווערן זיכערע און אפאָרדעבעל האוזינג וועט אהערשטעלן די גאר-נויטיגע היימער און שטיצע פאר ברוּם קאונטי איינוואוינער. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר יעדן איינעם וואס איז געווען פארמישט דאס צו מאכן געשעהן."

**סיטי אָוו בינגעהעמטאן מעיאר דזשערעד מ. קרעהעם האט געזאגט,** "אלס א שטאלצע האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי, איז בינגעהעמטאן פארפליכטעט צו בויען האוזינג פון אלע סארטן צו נאכקומען די באדערפענישן פון אונזערע איינוואוינער. דער פראיעקט וועט אויפלעבן איינס פון די שטאט-צענטער'ס גרעסטע ליידיגע געביידעס און שאפן זיכערע, שטיצנדע האוזינג פאר טייל פון אונזערע שוואכסטע איינוואוינער, אריינרעכענענדיג היימלאזע וועטעראנען. א דאנק אייך גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל פאר זייער אנגייענדע שותפות און שטיצע."

**CEO פון Helio Health, קעטלין געפני-בעב, האט געזאגט,** "Helio Health איז באעהרט און דאנקבאר צו ארבעטן בשותפות מיט די HCR, HHAP, Eagle Star און CSD צו ברענגען גאר-נויטיגע האוזינג און ESSHI יוניטס מיט קעיס מענעדזשמענט צו דעם בינגעהעמטאן ראיאן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן